# אין יענעם טאג איז א מענש בעגאנגען זעלבסטמארד

יעווירמעט ש, הא.

קומט ער פון וועלטס אומגעריכטקייט,
וואו דער מענש האט דעם ווינד ערשט דערהערט,
גלייך ווי נישט אלט איז די ערד
און דער בוים איז גאטס קינד, ווי פארצייטען;
קומט ער פון וועלטס אומגעריכטקייט,
קומט ער פון שטילער געדיכטקייט,
קומט ער פון וועלדעל פון ווייטען.

קומט ער מיט קיינעם נישט שטרייטען,
ער וויל דא זיין גליק נישט פערביטען,
ער צערטעלט און טוליעט זיין גליק,
וואס שטאמט נאך פון וועלדעל פון ווייטען.

נאר ער וועט נישט געהן שוין צוריק.
דא וויל ער דופטען און בלייבען,
דא וויל ער זיס זיין און שטייגען.
אלא וואס? מען זעהט נישט קיין צווייגען?
נישט פעלדער מיט גריקע פערזייהטע?
נאר מענשען, ווי שטריק אויסגעשפרייטע,
הענגען זיך איינע די צווייטע?

אלא וואס? מען זעהט נישט קיין צווייגי? —
האט ער הענד, ווי געבעטען, וואס שווייגע,

און אויגען, וואס וואקסען אין דוים
רייכער א סך פון א בוים,

און א הארץ, וואס גלאנצט אויף געווין,
ווי א בלימעל, וואס דריטעלט אויף לייהם..

און אזוי וויל ער בליהען און שוויינען.

— — — — — — — — — — —

און אויב וועלט האָט שטאָלענע קאָרבען,
קלעמט דעם צאָהן אין אידר איינעם שאָרבען, —
וועט ער די ערד מיט זיין בלוט טיף בעפאָרבען,
די זיסקייט זאָל העכער אויפשטייגען...
ניין, ער וויל רוהיג נישט שטאָרבען.

לויפט ער אַרום אויף די וועגען
און האַלט אין איין פרעגען און פרעגען:
נאָט, אָ וואו איז דיין פערמעגען?

אויב נועלדעלע קליינס איז דיין היים,
אויב מענשעלע ריינס זיצט אין ליידם,
און וועלטעלע גרויס איז נישט שען. —
הינט וואו זשע איז גאָט דיין פערמעגען
אויב וועלדעלע קליינס איז דיין היים?..

אין יענעם טאָג איז אַ מענטש באַגאַנגען זעלבסטמאָרד
הײַנט – יובילײ־בוך 1928–1908 (וואַרשע, 1928)
ז' 36